## קאַפּיטל דריי

1 זעט וואָס פאַר אַ ליבע דער פאָטער האָט אונדז
געשענקט, אַז מיר זאָלן גערופן ווערן ג־טס
קינדער; און מיר זענען עס. דערפאַר קען אונדז די
וועלט נישט, ווייל זי האָט אים נישט געקענט.
2 געליבטע, איצט זענען מיר ג־טס קינדער, און עס
איז נאָך נישט אַנטפּלעקט געוואָרן, וואָס מיר וועלן
זיין; מיר ווייסן אָבער, אַז ווען ער וועט נתגלה ווערן,
וועלן מיר זיין גלייך צו אים; ווייל מיר וועלן אים
3 זען אַזוי, ווי ער איז. און יעדער איינער, וועלכער
האָט די דאָזיקע האָפענונג אויף אים, לייטערט זיך
4 אַזוי, ווי ער איז לויטער. יעדער איינער, וועלכער
טוט זינד, איז עובר די תורה; און זינד איז דאָס
5 עובר־זיין אויף דער תורה. און איר ווייסט, אַז ער
איז אַנטפּלעקט געוואָרן, כדי ער זאָל אַוועקנעמען
אונדזערע זינד; און אין אים איז נישטאָ קיין חטא.
6 יעדער איינער, וועלכער בלייבט אין אים, זינדיקט
נישט; ווער עס זינדיקט, דער האָט אים נישט געזען,
7 און אים נישט געקענט. קינדער, זאָל אייך קיינער
נישט פאַרפירן; ווער עס טוט עוסק זיין אין צדקות,
8 דער איז אַ צדיק, ווי ער איז אַ צדיק; ווער עס
טוט זינד, דער איז פון דעם שטן; ווייל דער שטן
זינדיקט פון אָנהייב אָן. דערצו איז דער בן
אלקים אַנטפּלעקט געוואָרן, כדי ער זאָל צעשטערן
9 די מעשים פון דעם שטן. יעדער איינער, וועלכער
איז געבוירן געוואָרן פון ג־ט, טוט נישט קיין זינד,
ווייל זיין זאָמען בלייבט אין אים; און ער קען נישט
זינדיקן, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן פון ג־ט.
10 דורך דעם דאָזיקן ווערן אַנטפּלעקט די קינדער פון